

# אייער שפראך צוטריט רעכטן

## אין ניו יארק סטעיט




New York State | Office of General Services
Office of Language Access

## ניו יארק סטעיט שפראך צוטריט געזעץ

ניו יארקער רעדן איבער 800 שפראכן. כדי צו פארזיכערן אז אלע ניו יארקער קענען צוקומען צו רעגירונג סערוויסעס און בענעפיטן—נישט קיין חילוק ווי גוט איר קאמיוניקירט אין ענגליש— האט גאווערנאר האקול אונטערגעשריבן ניו יארק סטעיט'ס שפראך צוטריט פאליסי אריין אין געזעץ און געשאפן די סטעיט'ס אפיס פון שפראך צוטריט (Office of Language Access). די אפיס פון שפראך צוטריט, אינערהאלב די אפיס פון גענעראלע סערוויסעס (Office of General Services), איז פאראנטווארטליך צו פארזיכערן אז ניו יארק סטעיט אגענטורן געדעקט אונטער די געזעץ שטעלן עס איין גוט און שנעל.

## אונטער די געזעץ, מוזן ניו יארק סטעיט אגענטורן וואס שטעלן צו סערוויסעס אדער בענעפיטן צו די פאבליק:

1. פארשלאגן איבערזעצונג סערוויסעס צו די פערזאן וואס באקומט סערוויסעס אדער בענעפיטן אין זייער הויפט שפראך, אריינגערעכנט אמעריקאנער צייכן שפראך (American Sign Language, ASL).
2. איבערטייטשן וויכטיגע דאקומענטן פארבינדן צו זייערע סערוויסעס אדער בענעפיטן צו די הויפט 12 שפראכן גערעדט דורך ניו יארקער וואס רעדן נישט ענגליש צו גוט. אגענטורן קענען אויסוועלן צו איבערזעצן זייערע וויכטיגע דאקומענטן צו ביז צו פיר מער שפראכן באזירט אויף קריטעריע אויסגערעכנט אין די שפראך צוטריט געזעץ.
3. אויסוועלן א שפראך צוטריט קאארדינירער וועלכע וועט ארבעטן מיט די אפיס פון שפראך צוטריט צו פארזיכערן אז דער אגענטור טוט נאכקומען די שפראך צוטריט געזעץ.
4. מעלדן זייער שפראך צוטריט פלאן אויף זייער אגענטור'ס וועבזייטל און עס איבערפרישן יעדע צוויי יאר.

די אפיס פון שפראך צוטריט דריקט א באריכט איבער די סערוויסעס יעדע יאר.

באזוכט **languageaccess.ny.gov** פאר מער אינפארמאציע וועגן די אפיס פון שפראך צוטריט, די אגענטורן געדעקט אונטער די שפראך צוטריט געזעץ און אריינצוגעבן באמערקונגען איבער אייער ערפארונג מיט באקומען שפראך צוטריט סערוויסעס.

עס זענען דא 2.5 מיליאן ניו יארקער וועלכע רעדן נישט ענגליש צו גוט. דאס זענען די צוועלף הויפט שפראך וואס ווערן די מערסטע גערעדט אין ניו יארק, אויסער ענגליש:

- אראביש
- בענגאליש
- כינעזיש (אריינגערעכנט קאנטאנעז און מאנדארין)
- פראנצויזיש
- העישען קריאול
- איטאליעניש
- קארעאן
- פויליש
- רוסיש
- שפאניש
- אורדו
- אידיש

**וויאזוי צו נוצן אייער "I Speak" (איך רעד) קארטל**

מיט די בראשור, דארפט איר צו באקומען אן "I Speak" (איך רעד) קארטל. איר קענט עס נוצן צו אידענטיפיצירן אייער אויסדערוועלטע שפראך. איר קענט טראגן די קארטל מיט אייך און עס ווייזן פאר שטאב אין סיי וועלכע ניו יארק סטעיט אגענטור געדעקט אונטער די שפראך צוטריט געזעץ, ווען איר בעט זייער סערוויסעס אדער בענעפיטן. דאס וועט העלפן אגענטור שטאב פארשטיין וויאזוי צו באקומען די ריכטיגע איבערזעצער פאר אייך. איר קענט אויך דאונלאודן דאס קארטל צו אייער טעלעפאן—פאלגט בלויז נאך די אנווייזונגען אונטן.

**דאונלאודן דאס קארטל צו אייער טעלעפאן:**

1. סקענט די QR קאוד.
2. וועלט אויס אייער שפראך פון די ליסטע.
3. קליקט אויף די בילד אויף די אויבערשטע רעכטע ווינקל און האלט עס אין אייער טעלעפאן.
4. עפנט די קארטל און ווייזט עס פאר די שטאב סיי ווען איר באזוכט א סטעיט אגענטור צו באקומען זייערע סערוויסעס אדער בענעפיטן.

## האט איר געוואוסט...?

אמעריקאנער צייכן שפראך (American Sign Language, ASL) איז די הויפט שפראך פון פילע מענטשן אין די פאראייניגטע שטאטן און קאנאדע. כאטש ASL איז די צייכן שפראך וואס ווערט די מערסטנס געצייכנט דורך די טויבע און שווער הערנדע מענטשן אין די פאראייניגטע שטאטן, ווערט עס נישט באנוצט אין די גאנצע וועלט. עס זענען דא פילע סארטן צייכן שפראכן וועלכע ווערן באנוצט אין אנדערע געגנטער, אזוויי די בריטישע צייכן שפראך, פראנצויזישע צייכן שפראך אדער כינעזער צייכן שפראך. צייכן שפראכן קענען האבן א געהעצליכע אנדערע אויסשטעל וואו שפראכן וואס ווערן גערעדט. פונקט ווי איינער וואס לערנט זיך ענגליש אלץ א צווייטע שפראך, קען עס זיין שווער פאר ASL באנוצער צו קאמיוניקירן אין ענגליש און האבן די רעכט צו אן איבערזעצער ווען זוכנדיג סערוויסעס אדער בענעפיטן פון ניו יארק סטעיט אגענטורן געדעקט אונטער די שפראך צוטריט געזעץ.